שבת פרעשבורג

סמוך ונראה לציון המצוינת של מרן החתם סופר זי"ע

בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

• שב"ק משפטים (לס' 'ואל מש"ה אמר עלה') תשע"ו •

מסע נגידי ובוני בניני מוסדותינו הקדושים

# המסע

פערטער נומער

שבת וארא תשע"ו לפ"ק




# אפרוף ווערט ב"ה וואס א טאג מער ווארימער און מאסיווער

## נאענט צו פופציג נדיבי עם זענען שוין ב"ה א טייל פון דעם ערשטמאליגן מסע הנדיבים

היינט דאנערשטאג פ' וארא 'אל האבות', זענען די הכנות גאר ווארעם צום בעפארשטייענדן מסיבה בבית הרבני החשוב מוה"ר וואלף שפירער הי"ו, צו וועלכן דער עולם טוט זיך געטריי אפרופן צו קענען זיין אנגעשלאסן אין דעם מסע המרומם לטובת בניני המוסדות. ביי אנשי שלומינו שיחי' זענען די געפילן גאר פאזעטיוו, און א ציבור חשוב פון בערך פופציג נדיבי עם האבן זיך שוין געטון אנשליסן אין דעם ערשטמאליגן מסע הנדיבים.

מ'זעט באשיינדערליך אז דער ציבור ווערט וואס א טאג מער ווארימער צו די נסיעה פאר הרחבות גבולינו הק'. די נאכפראגע איז גרויס. עס שפירט זיך א מאסיווער טעמפא פון וועלן טאן דאס מערסטע פארן עקזיסטענץ און עתיד פון אונזער קהילה קדושה און אירע הייליגע מוסדות.

# רייזע נאטיצן







1 דאס ערשטע צו געדענקן, איז זיכער צו מאכן אז דער פאספארט איז גילטיג, און נאך נישט אפגעלאפן, אויך אז עס לויפט נישט אפ פאר 6 חדשים. אצינד, אויב דארף מען עס באנייען, איז נאך דא צייט פאר דעם און מ'קען עס איבער רעדן מיט איינע פון די נסיעה-עסקנים אויף 917.494.5527.



2 נישט בלויז 'זריזים מקדימים' נאר אויך 'זריזים מרוויחים', ווייל לויט ווי דער טראוועל אגענטור באשטעטיגט וועט די גרופ ראטע טיקעטס ארויף גיין די קומענדיגן וואך. איז שטארק ראטזאם זיך צו רעגעסטרירן צום מסע המרומם ווי נאר פריער.



3 עס איז ב"ה באוויזן געווארן צו באשטעלן די באקוועמסטע באסעס פאר די טעג אין דייטשלאנד, פולין און אונגארן. די דאזיגע פארגעשריטענע באסעס וועלן געבן דעם נויטיגן הרחבת הדעת והמקום אין די רייזע טעג.



4 במשך די לענגערע נסיעות אין דייטשלאנד, פולין און אונגארן, אוןביים זיך אויפהאלטן אין פראכטפולן האטעל אין קראקא, וועט מען האבן דעם שפאנענדן הנאה צו הערן די פרקי היסטאריע און שטוינענדע פאקטן, דורך דעם באקאנטן מומחה בקורי הדורות און גאר באגאבטער דערציילער, חכם וסופר, מוה"ר הערשל פריעדמאן הי"ו. וואס ס'אלץ פארגעקומען אין די מקומות.

# צוריק צו אונזער הייליגן עבר

וואו מיר ווען מתפלל זיין און פועל'ן על קברי רבותינו ואבותינו

– פערטער קאפיטל –

## סערדאהעלי

**אריינפיר:** ליל שישי פ' משפטים נאכ'ן גאר-געהויבענעם און פיל-באַרייכטן באזוך בארץ פולין, פארט מען אי"ה מיט א פריוואט אפגעדינגענעם פליגער פון ריישא קיין פרעשבורג. לויט'ן פלאן קומט מען בע"ה אן 8:30 אווענט; וואו מ'וועט האבן א פולער נאכט אפרו אין א פראכטפולן האטעל; אזוי ווי עס ווערט אי"ה צוגעשטעלט אלע האטעלן במשך די נסיעה טעג.

אינדערפרי וועט די שיירא בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ארויספארן קיין סערדאהעלי (אדער ווי מ'רופט עס דונא-סערדאהעלי אלס דעם נאענטן דונא טייך). דארט וועט מען מתפלל זיין תפילת שחרית ווי אויך וועט מען צוגיין אויפ'ן ביה"ח, וואו עס ליגן די אבות פון משפחת כ"ק מרן רבינו שליט"א. מ'וועט באזונדער זיך גיין משתטח זיין ביים ציון הקדוש פון האי צדיק יסוד עולם הגה"ק מהר"י אסאד זי"ע.

דא איז באלד אין ארט צו דערמאנען, וואס הגה"צ רבי משה ניישלאס זצ"ל האט פארציילט: 'כ'בין געווען אמאל ביים ביקסאדער רב זצוק"ל. ער האט זיך דערוואוסט אז כ'בין פון סערדאהעלי. האט ער אפגעשריבן א קוויטל און געבעטן, אז ווען כ'קום אן אהין, זאל איך פאר אים מתפלל זיין אויפ'ן ציון המצוינת פון הגה"ק ר' יודא אסאד זצוק"ל'.

ער האט דאן צוגעלייגט עטליכע בקשה-ווערטער: ביטע גיי נישט צום ציון מאנטאג אדער דאנערשטאג, ווייל וויבאלד ער איז פון בית דין של מעלה, און אין די טעג זיצט דער בי"ד דן צו זיין, איז ער נישט דא אונטן. דער ביקסאדער רב האט אויסגעפירט: 'פרייטאג ערב שבת קודש זאלסטו צו אים ארויס גיין, ווייל דעמאלט איז ער דא מיט אונז!'. [זעט אין די דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א - דא אויפ'ן אנדערן זייט - איבער דעם זמן פון עלי' לציון על קברי צדיקים, לויט דברי הגה"ק מאסאד זצוק"ל].

> ...דער ביקסאדער רב האט אויסגעפירט: 'פרייטאג ערב שבת קודש זאלסטו צו אים ארויס גיין, ווייל דעמאלט איז ער דא מיט אונז!'...

אצינד לאמיר זיך באקענען מיט דעם דאזיגן שטאט און בעיקר מיט אירע גרויסע רבנים. ספעציעל מיט'ן גרויסן און הייליגן זיידע פון כ"ק רבינו שליט"א, להבחל"ח הגה"ק רבי אשר אנשיל כץ זצוק"ל, וועלכער האט באלאכטן דעם אמאליגן עיר ואם בישראל ברוב צדקתו תורתו וקדושתו.

זיין הייליג הנהגה האט גע'שמ'ט און געבליט ביז צום סאמע לעצטן טאג פון דער אידישער סערדאהעלי, כ"ה סיון תש"ד. דאס איז די ביטערער טאג ווען דאס גרויסער שיין פון דעם גאון וצדיק איז ליידער פארטונקלט געווארן, ווען ער און די לעצט פארבליבענע אידן פון שטאט זענען דעפארטירט געווארן צו זייער אומקום על קידוש השם. הי"ד.



## אויפקום פון אידישן יישוב

פאר בערך דריי הונדערט יאר צוריק זענען די ערשטע אידישע משפחות אנגעקומען וואוינען קיין סערדאהעלי, א שטאט וואס געפינט זיך א דרייסיג מייל פון פרעשבורג; וואו אידן האבן שוין פיל פריער געוואוינט. מיט די ערשטע איינוואוינער האט זיך אנגעהויבן דאס אידישער יישוב אין סערדאהעלי וואס איז געוואוקסן נישט נאר בכמות, נאר אויך גאר שטארק אין איר איכות'דיגן הויכקייט.

ס'איז א שטאט וואס איר פשרה'לאזן ערליכקייט און הויכן תורה'דיגן ניווא, איז געווען אומעטום בארימט. דאס איז צו איר געקומען א דאנק די גרויסע גאונישע רבנים, צדיקים און קדושי עליון וואס האבן דארט משמש געווען מיט הוראה און הרבצת התורה, אויפ'ן זעלבן דרך וואו עס האט געלערנט דער מאור הגולה מרן החתם סופר זי"ע.

**א נאענטער ידיד מיט מרן בעל החתם סופר זי"ע, וואס האט אויף אים געשריבן: 'אותו צדיק קדוש ישראל גאון עולם'**

## הגה"ק ר' דוד דייטש זצוק"ל

עס האט זיך אנגעהויבן מיט'ן רבנות פון הגה"ק ר' דוד דייטש זצוק"ל בעל מחבר ספר 'אוהל דוד', וועלכער איז געווען א תלמיד מובהק פון בעל נודע ביהודה זי"ע; צו וועם ער שרייבט בספרו - נודע ביהודה - פערציג תשובות. ער איז געווען א נאענטער ידיד מיט מרן בעל החתם סופר זי"ע, וואס האט אויף אים געשריבן: 'אותו צדיק קדוש ישראל גאון עולם' (...) 'וזכות הצדיק יעמוד לנו להגן בעדינו מכל רע, ולברך את בית ישראל מברכת ה'.

זיין איידעם איז געווען אויך מגדולי אונגארן, הגה"ק מהר"ם א"ש זצוק"ל רב פון דער שטאט אונגוואר. אגב. אז מיר דערמאנען הגה"ק ר' דוד דייטש זצוק"ל, איז שווער ווייטער צו גיין, אן צו באמערקן אז נעבן גודל תורתו איז פארבליבן פון אים מאמרים מחוכמים. טרעפליכע ווערטער געזאגט בדרך צחות. מיר וועלן אראפברענגען כאטש איינע פון זיי:

פאר ער איז געקומען אויף סערדאהעלי האט ער משמש געווען אלס רב אין פראונקירכן וואו ס'ליידער געווען א צאל פרייע און פרעכע אידן אוכלי טריפות. זיי האבן דעם רב שווער-געמאכט און דערקוטשעט מיט זייערע חוצפה'דיגע רייד. האט ער אמאל געזאגט: 'כלבים עסן טריפות ווייל זיי האבן מקיים דעם 'ולא יחרץ כלב לשונו', אבער די בעלי בתים זענען דאך יא חורץ בלשונם - זיי רעדן חוצפה'דיג - איז פאר וואס עסן זיי טריפות...?

נאך א צחות'דיגער מימרא... חז"ל זאגן 'בזמן שהחכם יוש"ב ודורש והעם שומעין לו, הקב"ה מוחל עוונותיהן של ישראל'. דאס איז דוקא ווען דער חכם זיצט. אויב שטייט ער, ווייסט מען אז ס'וועט נישט געדויערן אזוי לאנג, ווייל ווי לאנג איז דא כח צו שטיין. אבער ווען דער חכם איז יושב ודורש איז נישט דא קיין סיבה פארוואס צו ענדיגן די דרשה, און מיט דעם אלעם 'שומעין לו', דעמאלט 'הקב"ה מוחל עוונותיהן של ישראל'...

## הגה"ק רבי יודא אסאד זצוק"ל בעמח"ס דברי מרי"א

סערדאהעלי איז גאר געהויבן געווארן אין דער תקופה וואס ס'האט דארט מכהן געווען אלס רב הגאון הקדוש רבי יודא אסאד זי"ע. אויסער זיין הרבצת התורה אין זיין גרויסע ישיבה אין סערדאהעלי און פירן דעם שטאט בדרך התורה והמסורה, איז רבי יודא אסאד געווען גערעכנט - נאכ'ן הסתלקות פון הייליגן חתם סופר זי"ע - אלס דער פוסק הדור אין אונגארן.

צו דעם, איז מהר"י אסאד זצוק"ל געווען פון די גדולי הלוחמים קעגן די וואס האבן געוואלט

# שוב ראיתי שאלו ואלו דברי אלקים חיים

## מדברי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

### - פרקי אבות פרשת בה"ב תש"ע לפ"ק -

והנה מה' מצעדי גבר כוננו, להיות בשבוע הבעל"ט בירושלים עיר הקודש, ועל הדרך להיות גם על קברי אבות וקברי צדיקים. ואספר דבר פלא שאירע לי היום, **חשבתי לעיין בדברי תורתם של הצדיקים הללו שאני מתכונן להתפלל על קברם, שהרי כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין, לעורר את זכותם בדברי תורתם, ששפתותם דובבות בקבר.** ובהיות שחשבתי להיות בעיר סערדאהעלי על הציון של הגה"ק מהר"י אסאד זצ"ל, לקחתי את ספרו דברי מהרי"א על התורה לעיין בו.

ובפתחי את הספר הסתכלתי בהקדמת הספר, שיש בו תולדות המחבר, וראיתי שהביא שם מה שסיפר הגר"מ ניישלאס זצ"ל אב"ד סקווירא, וז"ל בשנת ת"ש הייתי לקבל פני הרב הגאון הק' מביקסאד זצ"ל, ומסרתי לו פתקא כנהוג, וכשקרא שם סערדאהעלי, ביקש אותי שאלך על הציון הקדוש להתפלל עבורו, ואמר לי שלא אלך ביום ב' או ביום ה', כי הגאון הקדוש מהרי"א זי"ע הוא מבית דין הגדול, והם יושבים בב' וה', ואינו שם על הציון. **ואמר לי היותר טוב ביום עש"ק, אבל על כל פנים לא בב' ובה', והוא פלא ע"כ.** - ובראותי זאת נצטערתי, כי לפי סדר הנסיעה רציתי להיות שם בערב ראש חודש, והוא ביום החמישי הבעל"ט.

וכאשר עיינתי אחר כך בפנים בדברי תורתו, בא לפני מאמר הראשון, דבר תורה לראש השנה, אודות מה דאיתא במדרש (דב"ר ב-יד) שאלו מלאכי השרת לפני הקב"ה, אימתי ראש השנה ויום הכיפורים. אמר להם הקב"ה אני ואתם נלך אצל בית דין של מטה. ותמוה, ונראה דאיתא לא אד"ו ראש (טור או"ח סימן תכח), ר"ל ראש השנה אינו חל לא ביום א' לא ביום ד' ולא ביום ו'. ועוד איתא כשיש דין למטה אין דין למעלה (מ"ת משפטים ה'). והנה פעמיים ישבו בית דין בשבוע ביום ב' וביום ה', ואז אין דנין למעלה.

והנה קשה אימתי יהיה ראש השנה, ביום א' לא, משום לא אד"ו ראש, ביום ב' לא, משום שיש דין למטה, ביום ג' לא, משום דאז חל יום כיפור ביום ה' ואין דנין למעלה, ביום ד' לא, משום לא אד"ו ראש, ביום השבת נמי לא, משום דאז חל יום כיפור ביום ב' ודנין למטה ואין דנין למעלה, אם כן אימתי ראש השנה ויום הכיפורים וכנ"ל. על זה השיב להם הקב"ה, אני ואתם נרד לבית דין של מטה, ר"ל לדון למטה, ואם כן יוכל להיות ביום ב' וה', ולא קשה כלל כשיש דין למטה אין דין למעלה, שאנו נמי נדון למטה ע"כ.

ואם כן דבר שפתיו ברור מללו, כי אדרבה ביום ב' וה' אין דנים למעלה, **ואם כן אז הם שוכנים במקומם על משכבם, והזמן גרמא לעורר רחמים, שימליצו טוב על ישראל,** ולהמשיך השפעות למטה לצרכי עמך ישראל המרובים, להתברך בשפע ברכה והצלחה בבני חיי ומזוני, ויתקבלו תפלתינו לרחמים ולרצון לפני אדון כל.

ונראה להוסיף נופך בזה, במה שמצינו בסדום, שאמר ה' 'ארדה' נא ואראה הכצעקתה הבאה אלי עשו כלה וגו' (בראשית יח-כא). וברש"י דקדק ירידה זו למה ע"ש. ויש לומר דהנה רש"י פירש, והוא ישב פתח האהל כחום היום (יח-א), ישב כתיב, ביקש לעמוד, אמר לו הקב"ה שב ואני אעמוד, ואתה סימן לבניך שעתיד אני להתייצב בעדת הדיינין והן יושבין וכו' ע"ש. ואם כן עשה ה' אז פועל דמיוני על הימים שבית דין יושבים ודנים, וכיון שכשיש דין למטה אין דין למעלה, הרי הקב"ה יורד למטה לדון, ולכן אמר 'ארדה' נא ואראה וכו'.

[**שוב ראיתי שאלו ואלו דברי אלקים חיים,** דאיתא בגמרא (שבת קכט:) מי שיש לו זכות אבות יקיז בשני ובחמישי, שבית דין של מעלה ושל מטה יושבין בדין ע"ש. וכתב בפרי חדש (או"ח סימן קלד) דלכן מרבים בהם תחנונים. אמנם בפרי מגדים (שם מ"ז סק"א) כתב, דזהו רק למאן דאמר אין אדם נידון בכל יום (ראש השנה טז.), אבל למאן דאמר דנידון בכל יום, אז יש לומר דכשיש דין למטה אין דין למעלה, והם ימי רצון ע"ש].



הגה"ק ר' יהודה אסאד זי"ע

רעפארמירן דאס אידישקייט דורכ'ן וועג פון השכלה. ס'איז ידוע דער סיפור פון זיין קומען מיט א משלחת גדולי ישראל צום קיסר פראנץ יאזעף אויף אויסצו'פועל'ן דאס זיך אפטיילן פון די נישט ערליכע קהילות, ווען נאכ'ן זען זיך אין שפיגל - צום ערשטן מאל - האט ער געזאגט אז מ'וועט מצליח זיין. ווייל ער האט געזען א מלאך ה' טוט זיי באגלייטן!

דער מהר"י אסאד זצוק"ל איז געבוירן געווארן אין דער דערפל אסאד נאענט צו בודאפעסט. ער האט געלערנט אין די ישיבה פון הגה"ק ר' מרדכי באנעט זי"ע אין ניקלשבורג. ביי די אכצן יאר האט ער שוין געקענט בע"פ פינף הונדערט בלאט גמרא און די ד' חלקי השו"ע. באלד נאכ'ן חתונה - שנת תקפ"ו - איז

## מרן החתם סופר זי"ע האט אים דערמיט מכתיר געווען און שוין דאן געשריבן אויף אים שבחים נפלאים

ער אויפגענומען געווארן אלס דיין אין סערדאהעלי. מרן החתם סופר זי"ע האט אים דערמיט מכתיר געווען און שוין דאן געשריבן אויף אים שבחים נפלאים.

דערנאך איז ער געווארן רב אין דער שטאט רעטה, שפעטער אין סעמניטץ, און צום לעצט - שנת תרי"ב - אין סערדאהעלי. ווען מען האט אים אויפגענומען אלס יונגערמאן אלס רב אין סעמניטץ - וואס איז געווען אין יענע צייט פול מיט תלמידי חכמים און לומדים - איז ער אויפ'ן וועג אריבערגעפארן דורך פרעשבורג. ביים שמועס וואס ער האט געהאט מיטן חת"ם סופר זצוק"ל, האט ער אים דערציילט אז ער איז אביסל אין שרעק פארענדיג אננעמען די דאזיגע רבנות שטעלע, ווייל אין שטאט געפינען זיך גרויסע גאונים.

באזונדער איז דארטן געווען א תלמיד פון נודע ביהודה, הגאון ר' הירש פאפער זצ"ל, וועלכער האט זיך פארנומען מיט געשעפטן, אבער ער איז געווען גאר א גרויסער למדן און פלעגט זיך שטענדיג דינגען אין לערנען מיט די רבנים וואס זענען גקומען קיין סעמניטץ. רופט זיך אן צו אים מרן החתם סופר: 'איר האט זיך גארנישט וואס צו שרעקן. דער לייב (ר' יודא ארי') זיגט איבער דעם הערש' (ר' הערש פאפער).

אזוי איז געווען. נאכדעם וואס דער מהר"י אסאד האט געהאלטן אין שטאט עטליכע פלפולים און



בעזה"י יום ו' עש"ק תצא תרכ"ג לפ"ק סערדאהעל
במיפק שתא · מעילא לתתא · מקור הברכה · מראש מקדם
מרום עליון · אחת ושבע = ברכות יחולו לראש צדיק
איש חי רב פעלים ה"ה ידיד נפשי וידיד נפש כל חי רב חביבי
מחזיק בעץ חיים החכם השלם כבוד שמו הקדוש מו"ה יהודה
אדוט נ"י צדיק באמונתו יחיה
אחרי שים שלום טובה וברכה · ואני תפלה · לד' שמע ד' קול יהודה
יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך מה שאני מבקש רחמיך
על עבדך בן אמתך יהודה אדוט · בראש השנה הבע"ל
כתבהו וחתמהו בספרן של צדיקים לאלתר לחיים טובים ·
ארוכים ומתוקנים · חדש כנשר נעוריו · יחליף כח ברב אונים ·
חזקהו ואמצהו שיהיה בריא אולם לעבודתך ולעשות חסד
משפט וצדקה עד רבות בשנים ככתוב ארך ימים אשביעהו
ואראהו בישועתי או"כ"ר · שלום ידיד נפשו ואוהבו הכ"א מן
הדש"ת הק' יהודא אסאד רב פה ק"ק סערדאהעלי יע"א
במדינת אונגארין

מכתב הגה"ק ר' יהודה אסאד אל החכם השלם מו"ה יהודה אדוט



נאך שטארקע דינגענישן מיט רבי הירש'ן, האט דער לעצטער געמוזט מודה זיין אז די גאונות און שארפקייט פון מהר"י אסאד האט גאר קיין גלייכן נישט.

## א מעשה נורא

פון די תקופה פון מהר"י אסאד זי"ע אין סעמניטץ ווערט פארציילט א מעשה נורא: די גורל פון כלל ישראל איז דעמאלט געווען זייער ביטער. באנדעס רוצחים האבן באפאלן די אידישע יישובים און דורכגעפירט שרעקליכע שחיטות. די אידן פון סעמניטץ האבן געוואוסט אז ס'וועט נישט לאנג דויערן און די באנדעס וועלן אויך זיי איבערפאלן און חלילה מאכן פון זיי א תל.

לאנג האט טאקע נישט גענומען און די שפורן פון זיי האבן אנגעהויבן זיך אנזען אין שטאט. עס איז געווען פאר פסח און שמועות האבן זיך גענומען פארשפרייטן אז אין סאמע נאכט פון פסח דער ליל שמורים וועלן די רוצחים זיךווארפן איבער די אידישע הייזער ה"י. א טויט שרעק איז געפאלן איבער יעדן אידישן איינוואוינער, די בלוטיגע נייעס פון די אנדערע שטעט ווי די רשעים האבן באפאלן האט געווארפן א פחד אויף די סעמניטצ'ער אידן.

רבי יודא אסאד, דער רב, האט דאן געלאזט אויסרופן צווישן אלע אידן, אז אין נאכט פון פסח זאל יעדער איינער, קליין און גרויס, מענער און פרויען, זיך צוזאמענקומען און פראווענען דעם סדר אינאיינעם אינעם שטאט'ישן שול. פארשטייט זיך אז יעדער האט געפאלגט און אויסגעפירט דעם הייליגן באפעל פון רב. פסח אויפדערנאכט ווען אלע זענען געזעסן איינגעהילט אין די קיטלען און גלייכצייטיג אין טיפן אנגסט פראווענענדיג דעם סדר, האט דער רב גערופן צען פון זיינע תלמידים און זיי געשיקט אינדרויסן פון שטאט געוואויר צו ווערן ווען די רוצחים גרייטן זיך צו קומען.

די איבריגע זענען זיך צעלאפן פון דארט מיט גרויס שרעק, שרייענדיג אז פון הימל האלט מען מלחמה פאר די אידן

נישט לאנג נאך חצות-הלילה האבן די תלמידים געהערט די טריאמף-פירנדער מארש מיט וועלכע די באנדעס גאלאפירן אין ריכטונג פון שטאט. מיט שרעק זענען זיי באלד געלאפן אין ביהמ"ד איבערגעבן די ביטערע בשורה. א טומל האט אויסגעבראכן צווישן די שטאטלייט ווען זיי האבן געהערט די נייעס. אבער רבי יודא אסאד זצוק"ל האט זיי בארואיגט: האט'ס נישט קיין מורא, ווארט'ס נאר און זעט'ס דעם אויבערשטנ'ס ישועה וואס ער וועט מיט אונז טון! באלד האט ער גענומען זיין טלית, זיך דערין איינגעהילט און גענומען זיין ראש השנה'דיגן שופר.

די רשעים האבן זיך דערווייל דערנענטערט צום שטאט מיט אויסגעשארפטע שווערדן גרייט אויסצו'שחט'ן חלילה דאס גאנצע אידישע געמיינדע. דער רב ר' יודא אסאד האט זיך אנגעקליידט מיט גבורה, און איז ארויס איינער אליין קעגן דעם ריזיגן מיליטער. ער האט ארויסגעצויגן זיין גרויסן שופר און מיט התלהבות גענומען בלאזן א תקיעה גדולה, פונקט ווי ר"ה ביי די תקיעות.

ווען די רשעים, אין שפיץ פון זייער פירער דער טיראן הורבאן ימ"ש, האבן דערזען דעם איד'ל, האט צווישן זיי אויסגעבראכן א גרויסע בהלה. די רייטער האבן אנגעהויבן צו טרייבן די פערד און איינער האט צעטרעטן דעם אנדערן אין גרויס פאניק. אין אט דעם שווערן כאאס זענען געפאלן עטליכע הונדערט פון זיי, און די איבריגע זענען זיך צעלאפן פון דארט מיט גרויס שרעק, שרייענדיג אז פון הימל האלט מען מלחמה פאר די אידן.

## א פרישער שרעק

רבי יודא אסאד האט דאן א פרייליכער זיך צוריקגעקערט אין שטאט צו ענדיגן דעם סדר און דערציילן די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט די אידן אין יעדן דור. אויפמארגנס האט דער רשע הורבאן ערקלערט אז א טויט שרעק איז אויף אים אנגעפאלן ווען ער האט געזען פאר זיך שטיין א מענטש וואס זיין הייך האט דערגרייכט ביז׳ן הימל.

דער נצחון וואס די אידן האבן דאן געהאט האט זייער געשטאכן פאר די גוי׳אישע באפעלקערונג. די שונאי ישראל האבן נישט געקענט אראפשלינגען דעם מעשה און עס האט זיך גענומען קאכן א גרויס העצע אקעגן די אידן פון סעמניטץ און איבערהויפט קעגן דעם רב פון שטאט. דארט אין סעמניטץ האט געוואוינט א גוי׳אישע בעקער, א ווילסטער שונא ישראל, וועלכער האט געלאקערט ח״ו אומצוברענגען דעם רב.

איינמאל ווען רבי יודא אסאד איז אהיים פון שול אין באגלייטונג פון זיינע מקורבים, איז דער רשע אים אנטקעגן געקומען מיט א מעסער גרייט אויסצופירן זיין בארבארישן פלאן... א בהלה האט אויסגעבראכן צווישן די אנוועזנדע, אבער דער רב האט זיך כלל נישט צו טון געמאכט נאר ער האט רואיג פארגעזעצט זיין וועג. ווען דער רשע איז שוין געקומען גאר נאענט צו אים און ער האט אויפגעהויבן דעם מעסער, האט ער עס פלוצלינג געגעבן א לאז אראפ אויף זיין אייגענער האנט אפהאקענדיג זיין לינקער האנט!

די אנדערע גויים האבן אין דער זעלבער צייט זיך שוין געהאט פארזאמלט אויסצופירן א בלוטיגער פאגראם איבער די אידן. אבער זעענדיג וואס עס האט פאסירט מיט דעם בעקער זענען זיי אלע אנטלאפן מיט גרויס מורא.

## נשבה ארון אלקים

ביז יומו האחרון איז דער גאון וצדיק אנגעגאנגען מיט זיין הייליגע עבודה סיי מיט זיין לימוד תורתו און סיי צו פירן קהל עדתו. א טאג פאר הסתלקותו האט ער נאך געזאגט שיעורים פאר די תלמידים, נאר אזויפיל האט מען יא געזען אז ער יאגט זיך צו ענדיגן דעם מסכתא וואס מ׳האט געלערנט, ווייל ווי מ׳האט שפעטער געזען האט ער געהאט מרגיש געווען אז יום פטירתו איז נאענט.

כ״ג סיון תרכ״ו אין מיטן נאכט, בשעת׳ן שרייבן בריוון [איינער פון זיי צום הייליגן דברי חיים פון צאנז זי״ע] האט ער אויפגעוועקט זיין רביצין הצדיקת ז״ל און איר געזאגט: ׳מיין הארץ האט זיך אפגעשטעלט פון גיין. די הימל איז באדעקט מיט וואלקענעס. כביכול הקב״ה האט מיר געזאגט ׳עלה אלי׳ (קום ארויף צו מיר) און נאך ווערטער למעלה מן השגתנו. א פערטל שעה

**די הימל איז באדעקט מיט וואלקענעס. כביכול הקב״ה האט מיר געזאגט ׳עלה אלי׳ (קום ארויף צו מיר) און נאך ווערטער למעלה מן השגתנו. א פערטל שעה שפעטער, איז די נשמה הטהורה והקדושה פון גאון ופוסק הדור צוריקגעגעבן געווארן לבוראה.**

שפעטער, איז די נשמה הטהורה והקדושה פון גאון ופוסק הדור צוריקגעגעבן געווארן לבוראה.

צומארגנס איז פארגעקומען די לוי׳ פון צען אינדערפרי ביז אכט ביינאכט. אידן פון אלע ארומיגע שטעט זענען זיך צוזאמען געפארן צו באוויינען די הסתלקות פון רבן ומאורן של ישראל. צווישן די מספידים זענען געווען, הגה״ק בעל כתב סופר, הגה״ק דער מהר״ם שיק, זצוק״ל. - די אידישע וועלט בכלל און דער שטאט סערדאהעלי בפרט איז פאר יתום׳ט געווארן פון דעם צדיק יסוד עולם. מ׳האט על מקומו אויפגענומען בנו הגאון והגדול רבי אהרן שמואל אסאד זצוק״ל, וועלכער האט ארויסגעגעבן ספרי אביו זי״ע

[תקופת ופעולות הגה״ק רבי אשר אנשיל כ״ץ זצוק״ל רב אין סערדאהעלי, טוט אי״ה נאכפאלגן].



רבי אהרן שמואל אסאד זי״ע